# מתנות לאביונים קאמפיין תשע"ו



צדקת העיר

הקופה למען נצרכי קרית יואל

## צענטראלער "מתנות לאביונים חלוקה" בעצם יום הפורים פאר הונדערטער משפחות תושבי עירנו


ספעציעלע מעגליכקייט פאר נשים צדקניות איבערצוגעבן מתנות לאביונים אום פורים
3

גאַר פאַזיטיווער אָפקלאַנג ביי די תושבי העיר צום התחדשות פון "צדקת העיר" דורך די רבני עירנו שליט"א
7

צדקת העיר פושקע טראָקס וועלן במשך יום הפורים אַרומפאָרן ברחבי העיר אָפצונעמען נדבות פון גרויס און קליין
12

# ווירבלענדע הכנות צום צענטראַלער "מתנות לאביונים חלוקה" בעצם יום הפורים

## עס וועט פארטיילט ווערן פאר הונדערטער נצרכים תושבי עירינו בפיקוח הרבנים הגאונים שליט"א

די פעולות פון "צדקת העיר קרית יואל" איז אַריין אין שוואונג, און מען גרייט זיך צו דעם צענטראַלן מגבית וואָס ווערט אין די טעג דורכגעפירט, דער "מגבית מתנות לאביונים" וואָס איז אונטערגענומען געוואָרן אויפ'ן רוף פון די רבנים הגאונים וצדיקים רבני עירינו שליט"א, מיטן ציל צו פאַרטיילן ריזיגע סכומים פאר הונדערטער משפחות, נצרכים פון איבער די גאַנצע שטאָט, וועלכע וועלן בעזהשי"ת באַקומען צוגעטיילט גרויסע סכומים בעצם יום הפורים הבעל"ט.

ווי שוין באַריכטעט אין א פריערדיגע געלעגנהייט, איז פאַרגאַנגענעם זונטאָג פרשת פקודי אָפּגעהאַלטן געוואָרן די גרויסע אסיפה אין שטוב פון הגאון הדומ"ץ שליט"א, וועלכער האָט איינגעלאַדענט אַלע רבנים הגאונים שליט"א, מיטן ציל פריש מייסד צו זיין די נויטוויכטיגע קופּה "צדקת העיר" מיטן ציל צו אָרגאַניזירן א צענטראַלע קאַסע פון וואָס כסדר אַרויסצוהעלפן די עניי העיר מיט אַלע סאָרט הילף וואָס נאָר שייך.

ביי יענע אסיפה האָט הגאון הדומ"ץ שליט"א ספּעציעל מעורר געווען, אַז שטייענדיג אַצינד פאַר'ן יום טוב פּורים הבעל"ט, זאָל מען זען אויסצונוצן די איצטיגע געלעגנהייט צו שאַפן ריזיגע סכומים, כדי צו פאַרטיילן "מתנות לאביונים" פאר די עניי העיר בעצם יום הפּורים הבעל"ט. ביי דער געלעגנהייט האָט דער דיין שליט"א פאַרבעטן פון די רבנים ומורי צדק שליט"א וואָס זענען אָנוועזענד געווען, אַז יעדער זאָל צוגרייטן א רשימה פון נצרכים וואָס דאַווענען אין די בתי מדרשים אונטער זייער השפּעה, און עס איבערגעבן פאַר די עסקנים פון צדקת העיר, כדי אַז מ'זאָל קענען באַשטימען פאר יעדן איינעם פּאַסיגע סכומים דאָס צו פאַרטיילן אום פּורים אַלס מתנות לאביונים.

באַזונדער האָט דער דיין שליט"א פאַרבעטן אַז די רבנים הגאונים שליט"א זאלן מעורר זיין די מתפּללים ובאי בית מדרשם, אַז יעדער זאָל זיך משתתף זיין

מיט גרעסערע סכומים, סיי אין די טעג פאר פורים, און סיי בעצם יום הפורים הבעל"ט, כדי אַז די עסקנים פון צדקת העיר זאלן האָבן די מעגליכקייט דורכצופירן די גרויסאַרטיגע מתנות לאביונים חלוקה מיטן גרעסטן רחבות וואָס נאָר שייך.

דער דיין שליט"א צוזאַמען מיט די אַנדערע רבני העיר שליט"א האָבן אין די טעג דערנאָך אונטערגעשריבן און אַרויסגעגעבן א ספעציעלן "קול קורא" איבער די בעפאָרשטייענדע מתנות לאביונים חלוקה, וואָס וועט אי"ה זיין געווידמעט פאר די הונדערטער משפחות נצרכים מתושבי עירינו, אין וועלכן די רבנים שליט"א רופן יעדן איינעם זיך משתתף צו זיין מיט גרעסערע סכומים ספעציעל פאר די בעפאָרשטייענדע חלוקה.

די רבנים הגאונים שליט"א האָבן טאַקע אַריינגעגעבן די נעמען פון פילצאָליגע נצרכים, און עס האָט זיך אָנגעקליבן א גרויסע רשימה פון הונדערטער משפחות וועלכע וועלן בעזהשי"ת באַקומען בעצם יום הפורים סכומים הגונים, אַלעס פאַרטיילט בפיקוח הרבנים הגאונים רבני עירינו שליט"א וועלכע באַגלייטן די פעולות מיט א געוואַלדיגן ערענסטקייט.

עס איז זיכער אַז די תושבי העיר וועלן אַרויסהאָבן דעם צו השעה, און זיך באַשטייערן מיט גרעסערע סכומים בעוד מועד, כדי אַז די עסקנים זאלן האָבן די ברייטע מעגליכקייט דורכצופירן די גרויסאַרטיגע מתנות לאביונים חלוקה אום פורים הבעל"ט.

## ספעציעלע מעגליכקייט פאר

# נשים צדקניות

כפי פסקם פון די רבני עירינו שליט"א ובראשם הגאון הדומ"ץ שליט"א

## איבערצוגעבן מתנות לאביונים אום פורים

אין בעפאָרגרייטונג צום גרויסן מתנות לאביונים קאַמפיין אין די קומענדיגע טעג, ווערט איבערגעגעבן, אַז היי-יאָר וועלן נשים צדקניות צום ערשטן מאָל האָבן די געלעגענהייט אַליינס מקיים צו זיין די מצוה פון מתנות לאביונים, דורכ'ן איבערגעבן זייערע באַשטייערונגען אין די ספעציעלע "פושקע טראַקס" וואָס וועלן אַרומפאָרן במשך דעם טאָג, און וועט פאַרטיילט ווערן דורך "צדקת העיר" נאָך בו ביום.

מיטן עפענונג פונעם מתנות לאביונים קאַמפיין, איז ערשינען דער קריאת הקודש פון די רבנים הגאונים רבני עירינו שליט"א ובראשם הגאון הדומ"ץ שליט"א וועלכע ברענגען אַרויס פאַרשידענע וויכטיגע נקודות איבער דעם גאַנצן קאַמפיין, ובפרט ווערט אַרויסגעברענגט אַז דער חיוב פון מתנות לאביונים איז נישט בלויז פער-משפחה, נאָר יעדער איד איז מחויב עקסטער צו געבן מתנות לאביונים, און נישט נאָר מענער זענען מחויב, נאָר אויף פרויען ליגט פונקט אַזאַ חיוב צו געבן מתנות לאביונות, ווי עס איז גע'פסק'נט אין שולחן ערוך, אַז אף הן היו באותו הנס, און זיי זענען אויך מחויב מיט די מצוה.

אין אַלגעמיין איז טאַקע באַקאַנט אַז די מענער זענען מזכה א סכום געלט פאר די פרויען, און דאָס געבן זיי איבער אַלס שליח פון די פרוי.

אַצינד ביי די גרויסאַרטיגע אַקציע פון צדקת העיר, וועט מטעם המוסד אַרומפאָרן איבער די גאַנצע שטאָט גרויסע פושקע-טראַקס וואו מ'וועט קענען אַריינוואַרפן סיי וועלכע סכומים פאר צדקת העיר, און אַזוי אַרום וועלן די נשים צדקניות אַליינס האָבן די מעגליכקייט מקיים צו זיין די מצוה, דורכ'ן איבערגעבן זייערע סכומים פאר צדקת העיר וועלכע וועלן דאָס פאַרטיילן נאָך באותו היום פאר די הונדערטער משפחות וואָס קוקן אַרויס דערויף בכליון עינים.

ווי פאַרשטענדליך איז אויך דאָ א מעגליכקייט אָנצוהאַלטן דעם ביז-איצטיגן איינפיר, אַז די מענער אָדער טאַטע זאל איבערגעבן דעם סכום פאר צדקת העיר אין נאָמען אָדער לטובת זיין פרוי אָדער טעכטער.

## ספעציעלע מעגליכקייט מקיים צו זיין מצות חינוך ביום הפורים דורך

# חינוך למצוות מתנות לאביונים



מתנות לאביונים איז איינס פון די גרעסטע מצוות אין דעם הייליגן טאָג פון פורים, ווי עס איז דער לשון פונעם רמב"ם "שאין לך מצוה גדולה מזו" און אַז ס'איז יאָ אַזאַ גרויסע מצוה, איז דאך זיכער א דבר נכון מחנך צו זיין יונגע קינדער מקיים צו זיין די הייליגע מצוה, ווי עס איז טאַקע דער פסק הלכה פון די רבנים הגאונים שליט"א ובראשם הגאון הדומ"ץ שליט"א אַז ס'איז א געוואַלדיגע זאַך אַז עלטערן זאלן אויסנוצן דעם טאָג פון פורים, מחנך צו זיין די יונגע קינדער, זין און טעכטער, אַז זיי זאָלן געבן מתנות לאביונים אין טאָג

פון פורים.

א דבר נפלא ווערט צוגעצייכענט אין דעם דערמאַנטן קול קורא, די ווערטער פונעם הייליגן קדושת לוי זי"ע אין די קדושות אויף פורים (סוף קדושה שני') וואו ער שרייבט זייער גרויס איבער דעם ענין פון חינוך הבנים והבנות צו די מצוה פון מתנות לאביונים, און ער שרייבט דאָרט אַז ווען ער איז געווען א קינד האָט זיין טאַטע (הרה"צ רבי מאיר) אים טאַקע אויף מחנך געווען מיט די מצוה. זיין טאַטע האָט געשיקט זיין מתנות לאביונים געלט דייקא מיט אים און נישט מיט קיין משרת.

ודבר בעתו מה טוב אין די איצטיגע טעג פאַר'ן יום טוב פורים, צו רעדן צו די קינדער איבער דאָס גרויסקייט פון די מצוה פון מתנות לאביונים, וואָס ווערט אַריינברענגען אין זיי אַן ערענסטקייט אין דעם גאַנצן באַגריף פון פורים, צו פאַרשטיין אַז פורים איז נישט קיין טאָג פון הוללות, ס'איז זייער אַן ערענסטער טאָג, ווען מ'האָט די זכי' אויפצולעבן חשוב'ע משפחות, להרנין לב עניים.

ווי יעדער איינער, וועלן קינדער קענען איבערגעבן זייערע סכומים פאר מתנות לאביונים וואָס זיי וועלן באַקומען פון די עלטערן, פאר די עסקנים פון צדקת העיר אין די בתי מדרשים, אויך וועלן סיי אינגלעך און סיי מיידלעך קענען איבערגעבן זייערע נתינות אין די גרויסע פושקע-טראָקס פון צדקת העיר וואָס וועלן אַרומפאָרן איבער די גאַנצע שטאָט אָפּצונעמען נדבות פון יעדן איינעם.

---

# נייער אָפיס פון "צדקת העיר" ווירבעלט שוין מיט פיבערהאַפטע אַקטיוויטעטן לטובת תושבי עירנו

**דער אָפיס פון צדקת העיר איז קוים פריש-געעפנט געוואָרן, און שוין איז עס א תל תלפיות, א ווירבלענדער אַדרעס פאר אידן נצרכים, אָדער קרובים און נאָענטע פון נצרכים, וועלכע קומען זיך דורכרעדן און באַקומען הילף אויף פאַרשידענע ענינים וואָס פעלט זיך אויס.**

עטליכע וואָכן צוריק איז עס באַקאַנט געוואָרן מפה לאוזן, און פאַראַנגענע וואָך איז עס אָפיציעל באַריכטעט געוואָרן, אַז די פעולות פון "צדקת העיר" ווערן באַנייט מיט דאָס התמנות פון הרה"ח איש האשכולות מוה"ר אלתר משה קליין הי"ו אַלס מנהל הקופה.

גלייך מיטן התחדשות פון דעם מוסד, איז פריש געעפנט געוואָרן דער אָפיס פון צדקת העיר, דערווייל טאַקע נאָר בזעיר אנפין, אָבער קודם אַלס א מקום וואו אָנצוהייבן מיט די פעולות. ווי נאָר די טויערן זענען געעפנט געוואָרן, האָט דער אָפיס אָנגעהויבן צו ווירבלען מיט אידן פון איבער די גאַנצע שטאָט, וועלכע קומען אַריין, און לייגן פאר פאַרשידענע פראָבלעמען אין וואָס זיי זענען אַריינגעפאַלן, ליידער, צי אַנדערע פעלער ביי וועלכן זיי נויטיגן זיך אין הילף.

די עסקנים פון צדקת העיר שטייען גרייט מיט אַן אוזן קשבת, און נאָך מער מיט א יד רוחה, מ'פרובירט יעדן אַרויסצוהעלפן, און די צענדליגער וואָס האָבן שוין באַזוכט די אָפיסעס, זענען אַלע אַרויס פול מיט התפעלות פון דאָס געטריישאַפט, אחריות און בעיקר מיטגעפיל מיט וואָס יעדע זאַך ווערט באַגלייט. יעדע קעיס ווערט עקסטער באַהאַנדלט, און יעדער איז אַרויס צופרידן פון די ברייטע הילף וואָס מ'האָט באַקומען פון די עסקנים פון צדקת העיר.

גוטע שכנים וואָס געפונען זיך נעבן דעם צדקת העיר אָפיס, באַוואונדערן עס, וויאַזוי עס האָט אַזוי שנעל מצליח געווען אויסצושטייגן א תל תלפיות פאַר די נצרכים, און זיי דערציילן מיט התפעלות, ווי אין אָפיס פון צדקת העיר ווירבעלט זיך אין די קורצע צייט שוין פיל מער ווי אָפיסעס וואָס זענען שוין אָפן עטליכע יאָר נאָכאַנאַנד...

געוויס איז דער האָפענונג פון יעדן איינעם, אַז צדקת העיר זאָל נישט האָבן קיין שטאָך-אַרבעט... יעדער זאָל אַליינס האָבן פרנסה בריווח ובניקל, אָבער זינט עס איז דאָ די הבטחה פון כי לא יחדל אביון מקרב הארץ, זענען די פעולות פון צדקת העיר זייער נויטיג, און ב"ה מ'טוט גדולות ונצורות.

# לכתחלה'דיגער אופן צו געבן מתנות לאביונים פאר פורים אויב ווערט עס איבערגעגעבן ביום הפורים

## מען קען אַריינרופן אין "צדקת העיר " אפיס מיט א קרעדיט קאַרד נומער ביז מיטוואָך תענית אסתר דריי אַזייגער נאָכמיטאָג

מטעם הרבנים הגאונים וצדיקים רבני עירינו שליט"א ווערט איבערגעגעבן, אַז ס'איז א לכתחלה שבלכתחלה איבערצוגעבן סיי וועלכע סכומים פאר מתנות לאביונים נאָך פאַר פורים, אין פאַל עס ווערט איבערגעגעבן דורך די שלוחים אָדער עסקנים בעצם יום הפורים.

געוויס איז די מצוה פון מתנות לאביונים, צו זען אַז דאָס געלט זאל אָנקומען צו די עניים דייקא אום פורים, אָבער זייער אַסאַך מאָל מאַכט זיך אַז אום פורים טרעפט מען נישט געהעריג קיין עני, און מ'קען זיך אַרומדרייען אָנגעצויגן פון דעם אַליינס, נישט וויסענדיג אויב מ'האָט געהעריג מקיים געווען די מצוה וואָס מ'קען מקיים זיין נאָר איינמאָל אין יאָר.

צי מ'וועט פערזענליך אַליינס טרעפן א ריכטיגן עני אום פורים איז שווער פאָראויסצוזאָגן, אָבער דאָס איז זיכער אַז די שלוחים פון צדקת העיר וועלן דורכאויס דעם טאָג פערזענליך זיך טרעפן מיט הונדערטער עניים ונצרכים, איבערצוגעבן גרויסע סכומים, אין נאָמען פון די טויזנטער תושבי עירינו הקטנים עם הגדולים וואָס וועלן זיי איבערגעבן זייערע סכומים פאר אָדער אום פורים הבעל"ט.

פאַרשטייט זיך אַז אום פורים אַליינס וועט מען אויך קענען איבערגעבן סיי וועלכע סכומים פאר די עסקנים פון צדקת העיר, אָבער אידן וואָס ווילן זיין רואיג אַז זיי האָבן ריכטיג מקיים געווען די מצוה בכל פרטי', האָבן די מעגליכקייט שוין איצט, נאָך פאַר פורים איבערצוגעבן זייערע סכומים פאר מתנות לאביונים, וואָס וועט אי"ה פאַרטיילט ווערן בעצם יום הפורים הבעל"ט, וואס לויט'ן פסק פון די רבנים וואָס זיי האָבן באַפוילן מפרסם צו זיין, קען מיט דעם יוצא זיין די מצוה לכתחלה מיט אַלע הידורים.

פאַר'ן באַקוועמליכקייט פון די נדבנים קען מען אַריינרופן צו צדקת העיר, און מ'וועט אי"ה גיין אָפּנעמען דאָס געלט נאָך פאַר פורים הבעל"ט. ווי אויך קען מען אַריינרופן מיט א קרעדיט קאַרד נומער ביז מיטוואָך תענית אסתר דריי אַזייגער נאָכמיטאָג, און מ'וועט אַראָפּרעכענען דעם סכום וואָס מ'זאָגט, וואָס וועט אי"ה איבערגעגעבן ווערן פאר עניים הגונים.




מ'קען זיך פאַרבינדן מיט די עסקנים אויף די פאָלגענדע נומערן: 637-5529 אָדער 637-5060 אָדער 537-1093.

אדער אין אפיס

**845-751-0233**

ויפה שעה אחת קודם.

# גאָר פאָזיטיווער אפקלאַנג ביי די תושבי העיר צום התחדשות פון "צדקת העיר" דורך די רבני עירינו שליט"א




בלויז איין וואך צוריק איז עס געווען, ווען עס איז נתפרסם געוואָרן די נייעס אין די שטאָט, אַז בפקודת ובהוראת הרבנים הגאונים שליט"א ובראשם מרן רבינו הגה"ק שליט"א ולידו הגאון הדומ"ץ שליט"א האָט מען ב"ה באַוויזן צוריק צו באַנייען די פאַרצווייגטע פעולות פון "צדקת העיר" א באַריכט וואָס איז גאָר פאָזיטיוו אויפגענומען געוואָרן דורך די תושבי העיר, וועלכע קוקן שוין לאַנג אַרויס אויף די געלעגענהייט צו קענען כסדר שטיצן און מחזק זיין די עניי עירינו בדרך כבוד יתירה.

עס איז איבעריג אַרויסצוברענגען דאָס וויכטיגקייט פון אַזאַ צדקה קאַסע ווי צדקת העיר, וואָס איז סיי א תורה'דיגער און סיי א מענטשליכער פליכט דאָס מייסד צו זיין אין די שטאָט, ווי עס איז גע'פסק'נט אין שולחן ערוך












הלכות צדקה, אַז ס'איז חיובא רמיא אויף יעדע שטאָט צו האָבן אַן אָרגאַניזירטע צדקה קאַסע דורך וועלכן צו שטיצן די עניי עירינו.

אַזוי אַרום איז אַזאַ צדקה קאַסע שוין לאַנג געווען גאָר א דבר נחוץ מייסד צו זיין, און אַצינד אַז די קאַסע איז ענדליך געגרינדעט געוואָרן, האָט עס אַרויסגערופן א געוואַלדיגע שמחה ביים ציבור, ווען עס וועט בעזהשי"ת פון איצט און ווייטער זיין א געהויבענע געלעגענהייט פאַר'ן ציבור פערמענאַנט צו שטיצן די עניי עירינו ביד רחבה ורוח נדיבה, ובדרך כבוד יתירה.

דער התחדשות פון די קופה האָט אַרויסגערופן א שמחה נישט בלויז ביי די נצרכים וועלכע וועלן פון היינט און ווייטער האָבן א צענטראַלער מקום וואו זיך צו ווענדן נאָך הילף, נאָר נאָך מער האָט עס אַרויסגערופן א שמחה עצומה ביי די נדיבים בעם, וועלכע זענען שוין לאַנג איבערגעצייגט איבער דאָס וויכטיגקייט פון אַזאַ צדקה קאַסע, און קוקן שוין לאַנג אַרויס אַז עס זאָל נתייסד ווערן, כדי אַז עס זאָל זיין א צענטראַלע קאַסע דורך וועלכן צו שטיצן עניים ואביונים בדרך כבוד.

גלייך ווען די קאַסע איז פריש-נתייסד האָט עס טאַקע אַרויסגערופן א געוואַלדיגע אינטערעסע ביים ציבור, און מ'האָט עס אָנגעהויבן צו שטיצן מיט א ברייט האַנט, ביד רחבה ורוח נדיבה. מ'שפירט פאר א זכי' צו שטיצן די צדקה קאַסע, וועלכע וועט זיכער ברענגען א שמירה פאר די גאַנצע שטאָט, ווי באַקאַנט די מעשה וואָס איז ביים אסיפת ההתחדשות דערציילט געוואָרן דורך הגה"צ רבי שמחה שלום שטיינבערגער שליט"א מו"ץ ביהמ"ד דברי חיים, ווי עס ווערט געברענגט אין הייליגן ספר קב הישר, אַז דער אריה"ק זי"ע האָט אַמאָל געזען א שווערע גזירה שוועבן אויף די שטאט. האָט ער שנעל באַפוילן אַז מ'זאָל גיין שטיצן דעם אָרעמען וואַסער-שעפער אין די שטאָט, וואָס נאָר צוליב דעם וואָס מ'איז אים נישט געווען תומך איז די גזירה נגזר געוואָרן.

לויט דעם התלהבות וואָס הערשט ב"ה ביים ציבור איבער דעם התחדשות פון די קופת צדקה צדקת העיר, איז צום ערוואַרטן אַז עס וועט נישט לאַנג געדויערן, און צדקת העיר וועט זיין א מוסד מיט א וועלטס-באַגריף, וואָס וועט אי"ה געשטיצט ווערן דורך אַלע תושבי העיר, און וועט אי"ה שטיצן אַלע נצרכי העיר.

מ'וועט קענען פערזענליך
געבן מתנות לאביונים
ביום הפורים
ביי די

# צדקת העיר פושקע טראקס

**וואס וועט ארום פארן אין גאנצן שטאט**



# פסק הלכה

## מהרבנים הגאונים שליט"א

אלע

# פרויען

זענען מחויב
מיט מתנות
לאביונים

צדקת העיר
הקופה למען נצרכי קרית יואל




# מתנות לאביונים פושקעס

## פון צדקת העיר וועט באַשיינען טישן פון רבני העיר שליט"א ביום הפורים

ווי עס קוקט שטאַרק אויס, וועט די מצוה פון "מתנות לאביונים" דאָס יאָר פארנעמען דאָ אין די שטאָט דעם אויבן-אָן פון די מצוות יום הפורים, לכה"פ אַזויפיל, אויב נישט מער ווי דער חיוב פון לבסומי בפוריא...

ווי די עסקנים געבן איבער, ווערט אַצינד צוגעגרייט א שיינעם צאָל גרויסע "מתנות לאביונים פושקעס" וואָס וועלן ספּעציעל איבערגעגעבן ווערן פאַר די מייסדי הקופה, הרבנים הגאונים וצדיקים רבני עירינו שליט"א, וועלכע וועלן דערמיט באַשיינען זייערע טישן במשך דעם גרויסן טאָג פון פורים, און אידן באי ביתם וועלן האָבן די מעגליכקייט דאָרט איבערצוגעבן זייערע נתינות פאר די צענטראַלע מתנות לאביונים קאַסע פון די שטאָט, וואָס וועט אי"ה פאַרטיילט ווערן בעצם יום הפורים, טאַקע דורך די רבני העיר שליט"א.

דער טאָג פון פורים איז שוין לאַנג באַשטימט אַלס א טאָג ווען אידן גייען אַרום באַזוכן בבתי הרבנים ודיינים, מרבה צו זיין בכבוד התורה, און מכבד צו זיין די רבנים פון וועמענס כח התורה מ'איז א גאַנץ יאָר נהנה, זיי צו טראָגן משלוח מנות ולהרבות בריעות, בדברי תורה ומאמרי שמחה.

אַצינד וועט דערביי אויך זיין די געלעגענהייט פאַר'ן ציבור צו שטיצן די אַקטיוויטעטן פון צדקת העיר, דורכ'ן אַריינוואַרפן גרויסע סכומים אין די צענטראַלע מתנות לאביונים פושקעס וואָס וועלן ליגן אָנגעגרייט אויף די טישן פון די רבני העיר שליט"א, וואו מ'וועט זיך קענען באַשטייערן מיט סיי וועלכע סכומים, וואָס וועט ווי דערמאַנט, פאַרטיילט ווערן נאָך בו ביום.

מ'וועט קענען פערזענליך
געבן מתנות לאביונים
ביום הפורים אין די

# בתי מדרשים

פאר די עסקנים

ווי אויך ביי די

# צדקת העיר פושקע טראקס

וואס וועט ארום
פארן אין גאנצן
שטאט

על פי דעת הרבנים
הגאונים שליט"א

זאל מען
מחנך זיין די

# קינדער

צו געבן מתנות
לאביונים

צדקת העיר
הקופה למען נצרכי קרית יואל

# צדקת העיר פושקע טראַקס וועלן במשך יום הפורים אַרומפאָרן ברחבי העיר אפצונעמען נדבות פון גרויס און קליין

א חידוש נפלא אין באַגריף פון מתנות לאביונים, ווערט דאָס יאָר איינגעפירט, אַז במשך דעם טאָג פון פורים וועלן אַרומפאָרן איבער די גאַנצע שטאָט די גרויסע "פושקע טראָקס" פון צדקת העיר, וואו מ'וועט קענען איבערגעבן סיי וועלכע באַשטייערונגען פאַר'ן גרויסן מתנות לאביונים קאַמפיין, וואָס וועט אי"ה פאַרטיילט ווערן נאָך בעצם היום פאר די עניי עירינו.

דער פושקע-טראָק איז אָרגאַניזירט געוואָרן דורך די עסקנים פון צדקת העיר, כדי צו געבן די ברייטע מעגליכקייט פאר אַלע תושבי העיר, גרויס און קליין, צו קענען לייכט מקיים זיין די מצוה פון מתנות לאביונים, דורכ'ן איבערגעבן סכומים, און עס אַריינוואַרפן אין די גרויסע פושקע-טראָקס וואָס וועלן כסדר אַריבערפאָרן דורך אַלע גאַסן פון די שטאָט.

באַזונדער וועלן די טראָקס זיין בייהילפיג פאר נשים צדקניות, און פאר יונגע קינדער, אינגלעך און מיידלעך וועלכע קומען נישט אין ביהמ"ד, און טרעפן נישט אזוי לייכט די עסקנים פון צדקת העיר, וואָס דורך די טראָקס וועלן זיי אַליינס האָבן די מעגליכקייט מקיים צו זיין די מצוה פון מתנות לאביונים, ומצוה בו יותר מבשלוחו. ווי שוין באַזונדער באַריכטעט, האָבן די רבנים הגאונים שליט"א גע'פסק'נט אַז ס'איז מער מהודר אַז יעדער זאָל אַליינס געבן מתנות לאביונים, סיי פרויען, און סיי קינדער, וואָס דורך די גרויסע פושקע טראָקס וועט יעדער האָבן די מעגליכקייט דערצו.

די טראָקס וועלן האָבן גרויסע אויפשריפטן פון מתנות לאביונים-צדקת העיר, און וועלן אַרומפאָרן איבער אַלע גאַסן פון די שטאָט, מאַכן פריילעך סיי אויף די גאַסן, און נאָך מער אין די הייזער פון די נצרכים וועלן ווערן אויפלייכטן מיט די סכומים וואָס מ'וועט באַקומען צוגעטיילט סוף טאָג. די טראָקס וועלן זיך אָפּשטעלן אין פאַרשידענע סטראַטעגישע צענטערן איבער די שטאָט, אַזוי אַז יעדער זאָל לייכט קענען צוקומען דערצו, איבערצוגעבן זייערע נתינות פאר מתנות לאביונים.






# מנהל הקופה הר"ר אלטר משה קליין שליט"א וועט במשך יום הפורים אַרומגיין אָפצונעמען גרעסערע נתינות

במשך דעם גרויסן טאָג פורים, וועט דער ענערגישער מנהל הקופה הרה"ח משמח אלקים ואנשים הרב אלטר משה קליין שליט"א אַרומגיין ווי אַלע יאָרן בבתי נדיבים בעם, אָפצונעמען גרעסערע נתינות לטובת די עניי עירינו, און גלייכצייטיג משמח צו זיין אין די הייזער ביי די סעודות און במשך היום, אַריינצוברענגען א שמחת פורים אויף זיין אייגענאַרטיגן שטייגער.

דער חשוב'ער מנהל הקופה הר"ר אלטר משה שליט"א איז אין די טעג פאַרנומען מיט די אַרבעט צו שאַפן גרויסע געלטער, סיי פאר דעם צענטראַלן מתנות לאביונים קאַמפּיין אין די שטאָט, און סיי פאר פאַרשידענע אַנדערע צוועקן וואָס איז אונטערגענומען געוואָרן צו שאַפן דערפאַר גרויסע און קליינע סכומים, אויף די בקשה פון די חברי הנהלת הקופה, צוזאַמצושטעלן דערפאַר גרויסע סכומים, וואָס דאַרף דרינגענד געשאַפן ווערן פאַר א צאָל משפחות תושבי העיר.

דער ענערגישער מנהל הקופה הר"ר אלטר משה שליט"א האָט זיך שוין איינגעקויפט דעם כתר שם טוב מיט זיינע געלונגענע טאַלאַנטן, סיי צו שאַפן גרויסע סכומים, און אין די זעלבע צייט משמח צו זיין אין שטיבער בעצם יום הפורים, מיט זיינע מילתא דבדיחותא'ס און מיט די ריקודין של מצוה. אין פילע הייזער קוקט מען א גאַנצן פורים אַרויס ווען ר' אלטר משה וועט אָנקומען, וויסענדיג אַז צוזאַמען מיט ר' אלטר משה קומט מיט אן השפעה של שמחה סיי אויף פורים און סיי אויף א גאַנץ יאָר. אין פילע הייזער איז שוין באַקאַנט אַז ווען ר' אלטר משה קומט אַריין, דאַן הייבט זיך אָן דער שמחת פורים. ר' אלטר משה איז משמח. עס ווערט פריילאך, לוסטיג און לעבעדיג און די השפעה דערפון בלייבט שוין דערנאָך אויפ'ן גאַנצן טאָג ווייטער.

וועט מען טאַקע דאָס יאָר ווייטער האָבן די געלעגנהייט נהנה צו זיין פון דעם כח השמחה פון ר' אלטר משה, וועלכער וועט פערזענליך משמח זיין אין די הייזער פון די נדיבים בעם, און גלייכצייטיג אַריינברענגען אורה ושמחה אין די הייזער פון די חשוב'ע נצרכים וועלכע וועלן אי"ה אַלע נהנה זיין פון די געוואַלדיגע סכומים וואָס וועט געשאַפן און פאַרטיילט ווערן סיי בעצם יום הפורים און סיי אין די טעג דערנאָך.



# מאַסיווע פייער אַקציע אונטערגענומען דורך צדקת העיר אַרויסצוהעלפן עטליכע משפחות וואָס זענען ליידער באַטראָפן געוואָרן פון העלישן פייער ל״ע

דער מאַסיווער פייער וואָס האָט ליידער אויסגעבראָכן דאָהי אין קרית יואל, פאַרגאַנגענעם ערב שבת פקודי מיטאָג צייט, האָט אַריינגעברענגט זאָרג און מיטגעפיל צווישן די אלפי תושבי עירינו מיט די באַטראָפענע משפחות, וועלכע זענען מאָמענטאַל פאַרבליבן אָן קיין דאך איבער'ן קאָפּ, מיט ריזיגע געלט שאָדענס וואָס דאַרף אַצינד געשאַפן ווערן.

גלייך ווי עס איז געווען הבהרה ללהב יוצאות, האָבן די עסקנים פון צדקת העיר זיך שוין געשטעלט אויף די פיס, און בעת די פייער צינגן האָבן זיך געזען פון ווייט אַוועק, זענען די עסקנים פון צדקת העיר שוין געזעסן און פלאַנירט די גרויסע אַקציע, וויאַזוי בעזהשי"ת צוריקצושטעלן די משפחות אויף די פיס.

בעת דער פייער האָט נאָך געפלאַקערט האָבן די עסקנים פון צדקת העיר קודם געזען אַז די משפחות זאלן האָבן דאָס מינימאַלסטע אויף שבת. די געשעפטן פון די שטאָט האָבן אויסגעלייגט פאַרשידענע חפצים פאר די משפחות, פון קליידונג ביז עסן, אויפ'ן חשבון אַז צדקת העיר וועט דאָס באַצאָלן.













אויך שפעטער האָט צדקת העיר אונטערגענומען די מאַסיווע אַקציע, מיטן ציל צו העלפן די די משפחות זיך שטעלן אויף די פיס בעזהשי"ת, צו שאַפן די גרויסע סכומים, צו העלפן די משפחות זיך אויסרישן פונדאָסניי, און צו זען אַז די משפחות זאָלן קענען זיך פריש מסדר זיין על צד היותר טוב.

גלייך ווי עס זענען ערשינען אויף די ווענט פון די בתי מדרשים, די פלאקאטן פון צדקת העיר וועלכע רופן פאר הילף פאר די משפחות, איז דאָס איז געווען דער ספאנטאנער אויסדרוק פון יעדן צוגלייך "מ'זעט שוין די פירות פון צדקת העיר" און זעענדיג אַז אַזאַ ערנסטע און אחריות'דיגע אָרגאַניזאַציע ווי צדקת העיר האָט זיך געשטעלט אונטער דעם מעכטיגן פייער קאַמפיין, איז יעדער רואיג אַז דאָס געלט וועט אָנקומען אויפ'ן ריכטיגן אָרט, אַרויסצוהעלפן די באַטראָפענע משפחות מיט וואָס נאָר מעגליך.

די עסקנים פון צדקת העיר אַרבעטן מיט האַנט ביי האַנט צוזאַמען מיט די עסקנים פון אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, ובפרט מיט די עסקנים פון חברים, ובראשם הרה"ח העסקן הנודע מוה"ר יצחק יושע קאָרנבלי הי"ו מגבאי צדקת העיר ומראשי חברת חברים, וועלכער אַרבעט מיט שכם אחד מיט די עסקנים פון צדקת העיר, אַרויסצוהעלפן די משפחות מיט וואָס נאָר מעגליך.

מאָמענטאַל דארף נאָך געשאַפן ווערן ריזיגע סכומים דערמיט אַרויסצוהעלפן די משפחות, און די עסקנים קוקן אַרויס אויף די וואַרעמסטע באַשטייערונג פון יעדן איינעם באַזונדער, אַרויסצוהעלפן די פייער-געליטענע משפחות, זיך צו קענען שטעלן אויף די פיס בעזהשי"ת.

# קול קורא
פון די רבני העיר שליט"א

## צו געבן **מתנות לאביונים**
## פאר קופת הצדקה והחסד
## **"צדקת העיר קרית יואל"**

בעזהשי"ת

צו אלע חשוב'ע איינוואוינער פון אונזער שטאט קרית יואל יצ"ו

אזויוי עס דערנענטערט זיך די פורים טעג הבעל"ט, קומען מיר מיט א פערזענליכע בקשה צו אלע איינוואוינער פון אונזער שטאט, **זיך צו באטייליגן מיט שיינע נדבות פאר מתנות לאביונים פאר די ארימעלייט פון אונזער שטאט, וואס ווערט אנגעפירט דורך די שטאטישע צדקה קאסע "צדקת העיר קרית יואל"**, **וועלכע וועט פארטיילן אינעם סאמע טאג פון פורים, גרויסע געלטער פאר הונדערטער חשוב'ע משפחות פון אונזער שטאט**, און די ארימעלייט קוקן זייער שטארק ארויס אויף דעם טאג צו באקומען די מתנות לאביונים, און דער מצוה איז פון די עיקר מצוות פון פורים וואס יעדער איז מחויב אזוי ווי עס איז געפסקנ'ט אין גמרא און שולחן ערוך.

עס איז איבעריג ארויס צוברענגען פארן חשוב'ן ציבור, וויפיל הונדערטער משפחות דארפן ליידער אנקומען צו הילף פון אנדערע, און מ'דארף זיי פריילך מאכן אינעם טאג פון פורים מיט ערנסטע און חשוב'ע נדבות, און ווי דער רמב"ם שרייבט **"עס איז בעסער צו פארמערן מיט מתנות לאביונים מער ווי די מצוה פון סעודת פורים און משלוח מנות ווייל עס איז נישטא א גרעסערע שמחה ווי צו דערפרייען די ארימעלייט און יתומים מיט אלמנות".**

דערפאר ווילן מיר מודיע זיין אז **ווער עס וויל יוצא זיין די הייליגע מצוה פון מתנות לאביונים למהדרין מן המהדרין, זאל געבן פאר די קופה פון "צדקת העיר"** וואס עס וועט פארטיילט ווערן דורך זיי גרויסע סכומים אין דעם טאג פון פורים פאר הונדערטער משפחות פון אונזער שטאט, דורך אונזערע שליחים, און עס וועט פארטיילט ווערן בדרך כבוד דורך די אונטערזיכט פון די רבנים הגאונים פון אונזער שטאט שליט"א אין שפיץ פון כ"ק מרן רבינו שליט"א.

אזוי אויך ווילן מיר דא אויפמערקזאם מאכן, אז **ווייבער זענען אויך מחויב מיט די מצוה פון "מתנות לאביונים"** אזוי ווי דער רמ"א פסקנ'ט אז א פרוי איז מחויב מיט מתנות לאביונים און משלוח מנות פונקט ווי א מאן, ווייל זיי זענען אויך געווען אין דעם נס פון פורים, און זיי דארפן אויך פריילך מאכן די הארץ פון די ארימעלייט.

אויך דארף מען **מחנך זיין די קלענערע קינדער מיט די מצוה פון מתנות לאביונים**, אזוי ווי דער הייליגער קדושת לוי זי"ע שרייבט "איך געדענק ווען איך בין געוועהן א קליין אינגל האט מיין טאטע געשיקט מתנות לאביונים דורך מיר, און נישט דורך די באדינער, כדי מיך צו מחנך זיין מיט די מצוה בשמחה".

עס איז פארשטענדליך אז לויט וויפיל געלט עס קומט אריין אין דער קאסע אין די קומענדיגע טעג ווי אויך אין פורים, לויט דעם וועט מען קענען טיילן. דערפאר בעטן מיר מען זאל פארמערן מיט גרעסערע געלטער כדי מיר זאלן קענען טיילן ווי מער.

אין דער זכות פון דער גרויסער מצוה זאל יעדער איינער זוכה זיין צו אלע השפעות און ליכטיגקייטן וואס קומען אראפ אין די הייליגע פורים טעג, בני, חיי, ומזוני, ביז מיר וועלן זוכה זיין צו גיין קעגן משיח צדקינו במהרה בימינו אמן.

החתימות הם לפי סדר הא"ב

**שלו' אליקים געציל בערקאוויטש**
דומ"ץ קרית יואל

**חנוך העניך אשכנזי**
רב ומו"ץ ביהמ"ד אבני צדק

**יואל גוטמאן**
מו"ץ בקהלתינו הק'

**דוד דוב דושינסקיא**
רב ומו"ץ ביהמ"ד אוהל פיגא

**יודא אלישע הורוויץ**
רב ביהמ"ד אור החיים

**יוסף מרדכי וואגשאל**
ראה"כ עטרת חכמים

**חיים יוסף ווערצבערגער**
רב דביהמ"ד הוניאד

**דוד יצחק ווערצבערגער**
מו"ץ ביהמ"ד דברי יואל

**שלמה זאבעל**
מו"ץ ביהמ"ד בית דוב

**ברוך טייטלבוים**
רב דביהמ"ד ברך משה - ויואל משה

**יואל טייטלבוים**
רב ומו"ץ ביהמ"ד בית ברוך

**משה טייטלבוים**
מו"ץ ביהמ"ד בית שמואל בנימין

**שלום משה ליפשיץ**
מו"ץ בקהלתינו הק'

**ברוך אלי' סג"ל לעווי**
רב דביהמ"ד בנין אריאל אמסטערדאם

**שמעון זאב מייזליש**
רב ומו"ץ ביהמ"ד ישמח משה

**יעקב אלעזר מענדלאוויטש**
רב ומו"ץ ביהמ"ד הלכה ברורה

**אלטר יוסף צבי סופר**
מו"ץ בקהלתינו הק'

**ישכר דוב פאנעט**
אדמו"ר מדעעש

**יואל קאהן**
ראש מפעל בית נאמן

**נפתלי צבי קאהן**
מו"ץ בקהלתינו הק'

**שלום ראטענבערג**
רב דביהמ"ד תפלה למשה

**יקותיאל יודא רובין**
אדמו"ר מדינוב

**שלמה רובין**
רב דביהמ"ד דברי שמחה צעשינוב

**נתן דוב שווארץ**
מו"ץ וראה"כ לצעירים

**יוסף משה שטויבער**
מו"ץ בקהלתינו הק'

**שמחה שלום שטיינבערגער**
רב ומו"ץ ביהמ"ד דברי חיים

צדקת העיר

הקופה למען נצרכי קרית יואל

DESIGN & PRINT / 845.782.3382